בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת שלח, מברכים חודש תמוז, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## באראָ פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
78 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
**maebreslev@gmail.com**
**www.BreslevCenter.com**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

# שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפז.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן קפז):

דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים סב, יג): **וּלְךָ ה' הַחֶסֶד, כִּי אַתָּה תְּשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ.** הַיְנוּ שֶׁהוּא חֶסֶד גָּדוֹל מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא מְשַׁלֵּם לְאָדָם מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה הוּא מֵבִין לְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וְלֵידַע הַחֵטְא שֶׁפָּגַם בּוֹ וְלָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, ווייל ווען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט ווען אַן עוֹנֶשׁ סְתָּם אַזוֹי ווָאלְט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיף ווָאס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער ווען דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף ווָאס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, ווֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף ווָאס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן. אַךְ דַּע, זָאלְסְט ווִיסְן, שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁמְּשַׁלֵּם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִדָּה בְּמִדָּה, הוּא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, כְּמָה שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב כ, כז): **יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמְמָה לוֹ,** אֶרֶץ הַיְנוּ בְּחִינוֹת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, הִיא מִתְקוֹמְמָה לוֹ וְשָׁם נִתְגַּלֶּה עֲווֹנוֹ, כִּי שָׁם מְדַקְדְּקִין לְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, דָאס ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אִיז נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וְזֶה שֶׁכָּתוּב עַל אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי ווָאס שְׁטֵייט דִי ווָאךְ אִין דִי סֶדְרָה (בַּמִּדְבָּר יג, לב): **אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ - רָאשֵׁי־תֵּבוֹת: אַתָּה תְּשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ,** כַּנַּ"ל, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם ווָארְט "אֹכֶלֶת" אִיז: "אַתָּה תְּשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", ווייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה. וְעַל כֵּן הַיּוֹשְׁבִים שָׁם בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם עַל הָרֹב יִסּוּרִין,

מֵחֲמַת שֶׁמְּמַהֲרִין שָׁם לְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ:

## 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'אֱמוּנָה'

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: סְתָּם אַזוֹי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ צָרָה אִיז עֶר עֶס תּוֹלֶה אִין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ טִיקֶעט פוּנֶעם פָּאלִיצַיי מַאן? וַוייל אַזוֹי הָאט פַּאסִירְט... אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס וואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶעט וִוי אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה.

וָואס מֵיינְט 'וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'? זָאגְט דֶער רֶבִּי (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה; וְעוֹד מְקוֹמוֹת) אַז 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'אֱמוּנָה'. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ מֶען וואוֹינְט, מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ אוּן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אִים מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים שְׁטֶעלְט עֶר גְלַייךְ צַאם פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים אוּן וָואס עֶר דַארְף יֶעצְט פַּארֶעכְטְן.

## אִיךְ וֵייס פַּארְוָואס

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן וֶועג אִיז אִים אַרָאפּ גֶעפַאלְן אַ קְנֶעפְּל, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵייס פַּארְוָואס** דוּ הָאסְט עֶס גֶעמַאכְט, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה", דָאס אִיז אַ צַדִיק, עֶר וואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען זַיין קְנֶעפְּל פַאלְט אַרָאפּ אִיז עֶס נִישְׁט תּוֹלֶה אִין מִקְרֶה, 'וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעאַנְקֶערְט אִין אַ נָאגְל אִיז עֶס אַרָאפּ גֶעפַאלְן', נָאר אִיךְ וֵייס פַּארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

מִיר זֶענֶען וַוייט פוּן דֶעם, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז מֶען פָאלְגְט דֶער רֶבִּי, מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, לֶעבְּט מֶען אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיט אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל נָאר עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אִינְמִיטְן זֶענֶען אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע ווִילְדֶע הִינְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ', הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ פוּן וָואגְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי הִינְט: "אִיךְ וֵוייס אַלֶעס, אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶנְק זֶענֶען, אוּן אִיךְ וֵוייס פוּן וואוּ עֶנְק קוּמֶען", אוּן אַלֶע זֶענֶען זִיךְ גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט פַּאסִירְט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה בַּיי רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אוֹיף יֶענֶעם וֶועג, זֶענֶען אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע הִינְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ פוּן וָואגְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן הִינְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֵוייס אַלֶעס, אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶנְק זֶענֶען, אוּן אִיךְ וֵוייס פוּן וואוּ עֶנְק קוּמֶען', אוּן דִי הִינְט זֶענֶען אַנְטְלָאפְן; אִיךְ זָאג עֶנְק אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט", אוּן אַלֶע הִינְט זֶענֶען אַוֶועק גֶעלָאפְן.

## אִיךְ וֵוייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט...

מוֹהֲרַא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זֶענֶען אִים אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַסַאךְ הִינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבִּילְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֵוייס', וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט'; אוּן אִיךְ זָאג אַז אִיךְ וֵוייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט", אוּן דִי הִינְט זֶענֶען זִיךְ אַנְטְלָאפְן. מוֹהֲרַא"ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז עֶס אִיז אַ פֶּלֶא ווִי אַזוֹי דִי הִינְט זֶענֶען זִיךְ אַנְטְלָאפְן, נָאר אַז מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אַנְטְלוֹיפְן הִינְט פוּן דֶעם פְּלַאץ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי צַדִּיקִים וֵוייסְן אַלֶעס, זֵיי וֵוייסְן פַארְוָואס דִי

קֶנֶעפְּל אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, און וֶוער דִי הִינְט זֶענֶען, און מִיר וֵוייסְן זִיכֶער גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶער רֶבִּי, מֶען לֶעבְּט מִיט צַדִיקִים, לֶעבְּט מֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט פַאר מִיר, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְעֶכְטְן״.**

עֶס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ אַ ׳פִּתְקָא מִן הַשָּׁמַיִם׳, אַז דִי וַואשׁ מַאֲשִׁין הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וֶועגְן דוּ הָאסְט דָאס און דָאס גֶעטוּן, נָאר מֶען דַארְף אַלֵיינְס זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן.

## קְלָלוֹת

עֶס קֶען אַמָאל זַיין עֶס זָאל קוּמֶען אַ צָרָה צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט און אַרוֹיס גֶעזָאגְט אַ קְלָלָה פוּן מוֹיל, ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ב): **״כַּצִּפּוֹר לָנוּד, כַּדְּרוֹר לָעוּף, כֵּן קִלְלַת חִנָּם לוֹ תָבֹא״**, אַזוֹי ווִי אַ פֵייגְל פְלִיט אַרוֹיס פוּן אִיר נֶעסְט צוּ זוּכְן עֶסְן און נָאכְדֶעם קֶערְט זִי זִיךְ צוּרִיק, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער שֶׁעלְט אַ צְוֵוייטְן וֶועט דָאס צוּרִיק קוּמֶען צוּ דֶעם וָואס הָאט גֶעשָׁאלְטְן; אַמָאל כַאפְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ הָאלְט אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן און אֵיינֶער רֶעגְט אִים אוֹיף, זָאגְט עֶר אַרוֹיס אַ קְלָלָה פוּן מוֹיל, זָאל עֶר ווִיסְן אַז דָאס קֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף אִים אַלֵיינְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁוֶוער, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין פַּרְנָסָה, אָדֶער אֵיינֶער הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען גֶעלְט, דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ צוּרִיק אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קָאסְט דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזַא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה ווִי תַּעֲנִיתִים און סִגּוּפִים. עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן דֶערִין, אַז אֲפִילוּ אִיךְ פָּשׁוּט׳ער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן פוּן דִי צַדִיקִים, אָבֶער אִיךְ**

ווִיל לֶעבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל ווִיסְן בַּיי יֶעדֶע פַּאסִירוּנְג וָואס אִיךְ דַארְף פַּארְרֶעכְטְן".

ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְש ווֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף פַּארְרֶעכְטְן, עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס דָאס אִיז מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן בִּכְלָלִיּוּת, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט", דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְש ווָאוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער מֶענְטְש לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז גֶעקוּמֶען כְּדֵי אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער ווֶועלְט אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" (תְּהִלִּים קמה, ט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט עֶס פַאר מִיר כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ פַּארְרֶעכְטְן.

## דֶעמָאלְט לוֹיפְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן...

מִיר הָאבְּן הַיינְט אִינְדֶערפְרִי גֶעלֶערְנְט בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה) אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ רֶעדְן צוּ דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים, זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, בִּיז דֶער 'גִּבּוֹר' אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רֶעדְט צוּ זֵיי.

אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'וָואס דַארְף אִיךְ דֶער רֶבִּי? וָואס דַארְף אִיךְ פָּאלְגְן דֶער רֶבִּי? וָואס דַארְף אִיךְ הִתְבּוֹדְדוּת? וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד? אוּן וָואס דַארְף מֶען אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע עֵצוֹת?' אָבֶּער ווֶוען דֶער 'גִּבּוֹר' קוּמְט דֶעמָאלְט לוֹיפְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אַ שָׁאד צוּ וַוארְטְן אַז דֶער גִּבּוֹר

זָאל זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ אוּנְז, לָאמִיר שׁוֹין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, לָאמִיר שׁוֹין גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

לָאמִיר אָנְהֵייבְּן לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַיין וַוייבּ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אַז אִיךְ וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

## וֶוער גֶעבְּט מִיר פַּרְנָסָה?

וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעלוֹנְגֶען הָאבּ אִיךְ פַּרְנָסָה? מֶען זֶעט מֶער גֶעלוֹנְגֶענֶע מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, נָאר אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יא): **"לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם"**, פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, **"וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר, וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן"**; אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען קְלָאר, אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַּארְקוֹיפְן אַ נַארִישְׁקֵייט אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, עֶר וֶועט אַן עוֹשֶׁר, וְוידֶער דֶער צְוֵוייטֶער וָואס פַּארְקוֹיפְט מֶער אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ קוּמְט קֵיינֶער נִישְׁט קוֹיפְן בַּיי אִים, אַלֶעס הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה וֶועל אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה"**, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ: **"יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן"**.